בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת וישלח תשפ"א

גליון 578 [שנה י"ג]

**וואס איז דער ענין פון זאגן כה און פארוואס צוויי מאל כה?**

כֹּה תֹאמְרוּן לַאדֹנִי לְעֵשָׂו כֹּה אָמַר עַבְדְּךָ יַעֲקֹב עִם לָבָן גַּרְתִּי: (ל"ב ה') דארף מען פארשטיין וואס איז דער לשון פון "כה" אז יעקב האט אנגעזאגט און איז מדגיש "כה"? און נאכמער פארוואס שטייט צוויי מאל כֹּה? נאר עס שטייט אז די גמ' זאגט אין (מס' סוטה ל"ח.) "כֹּה" מיינט בלשון הקודש, אז יעקב האט געוואלט מרמז זיין עם לָבָן "גַּרְתִּי", און פונדעסטוועגן האב איך נישט מְשַׁנֶּה געווען פון לשון הקודש. דאס מיינט "כֹּה" תֹאמְרוּן לַאדֹנִי לְעֵשָׂו, אז איך רעד נאר לשון הקודש, און כֹּה אָמַר עַבְדְּךָ "יַעֲקֹב" אז איך הייס נאך יעקב און נישט געביטן מיין נאמען און אין מדרש (ויקרא רבה פל"ב) שטייט אז די אידן זענען ארויס פון מצרים שלא שינוי את שמם און לשונם, ממילא וועל איך אין דעם זכות געראטעוועט ווערן פון דיר. (פנים יפות) לויט דעם אז יעקב האט געוואלט אז די גאנצע דיבור זאל זיין בלשון הקודש ווייל "כֹּה" מיינט בלשון הקודש, קען מען מוסיף זיין און מפרש זיין אז יעקב האט געוואלט אויך מרמז זיין עם לבן "גַּרְתִּי" אז תַּרְיַ"ג מצוות שמרתי. און דעם רמז פון תַּרְיַ"ג קען זיין נאר אויב די מלאכים וועלן זאגן "גַּרְתִּי" בלשון הקודש, און נישט אין א אנדער לשון, דעריבער שטייט "כֹּה". יעצט איז גוט פארוואס דארף שטיין צוויי מאל "כֹּה"? ווייל די גמ' (מכות י"ח:) זאגט אז דאס וואס עס שטייט ביי ביכורים צוויי מאל א לשון פון "הֲנָחָה", וְהִנִּיחוֹ לִפְנֵי מִזְבַּח ה' אֱלֹקֶיךָ, און וְהִנַּחְתּוֹ לִפְנֵי ה' אֱלֹקֶיךָ, איז דאס לעיכובא, עס מוז זיין. דעריבער שטייט צוויי מאל "כֹּה" בלשון הקודש, ווייל יעקב האט געוואלט עס זאל זיין לעיכובא אז די מלאכים זאלן איבערגעבן די דריי זאכן פון לָשׁוֹן, שֵׁם און תַּרְיַ"ג. (שמח זבולון תשפ"א)

**דרוש וועגן די פכים קטנים און נס חנוכה**

וַיִּוָּתֵר יַעֲקֹב לְבַדּוֹ: (לב כה) זאגט רש"י וַיִּוָּתֵר יַעֲקֹב. שָׁכַח פַּכִּים קְטַנִּים וְחָזַר עֲלֵיהֶם: (חולין צא ע"א) שטייט אין דעת זקנים אז בדי ווערטער פון רש"י איז די גמ' חולין, אבער ער לייגט צו אז די מקור איז פון א חז"ל וואס שטייט אַל תִּקְרֵי לְבַדּוֹ נאר לְכַדּוֹ, ער איז צוריק געגאנגען וועגן זיין כַּד וואס ער האט איבערגעלאזט, און אזוי שטייט אין רבינו בחיי, צַדִּיקִים חָסִים עַל מָמוֹנָם, שֶׁלֹּא יִשְׁלְחוּ יְדֵיהֶם בְּגֶזֶל, אבער פארוואס האט זיך יעקב מוסר נפש געווען, וועגן די פַּךְ? איז דא עטליכע מהלכים אין דעם. דער פך האט געמוזט האבן א חשיבות! נאר עס שטייט אין פ' ויצא (כח יח) וַיַּשְׁכֵּם יַעֲקֹב בַּבֹּקֶר וַיִּקַּח אֶת הָאֶבֶן אֲשֶׁר שָׂם מְרַאֲשֹׁתָיו וַיָּשֶׂם אֹתָהּ מַצֵּבָה וַיִּצֹק שֶׁמֶן עַל רֹאשָׁהּ: יעקב אבינו האט געגאסן שמן אויפן שטיין, שטייט אין רשב"ם, רמב"ן און חזקוני אז מיטן גיסן די שמן האט ער מקדש געווען די שטיין אז ער זאל קענען מקריב זיין אויף דעם קרבנות, אנדערע האלטן אז ער האט געוואלט דערקענען דעם שטיין ווען ער וועט דארטן נאכאמאל קומען. בכל אופן שטייט אין ספר שפתי כהן פון א תלמיד האריז"ל אז ער האט געפונען א מקור, אז דער פַּךְ נאכן אנגיסן אויפן שטיין, האט דאס זיך צוריק אנגעפילט מיט שמן, האט יעקב פארשטאנען אז די פַּךְ איז גאר חשוב ווייל עס האט א ברכה אין דעם, דעריבער האט יעקב זיך מוסר נפש געווען דאס צו גיין נעמען, און באמת דער כַּד האט מען גענוצט פאר די שמן המשחה פאר די משכן וכליו און דער כַּד איז דא לדורות אזוי ווי די גמ' (הוריות דף יא.) זאגט אויפן פסוק זה לי לדורותיכם, אז דער פַּךְ וועט זיין אויף אייביג. שטייט אויך אין שפתי כהן אז דאס איז געווען די זעלבע פַּךְ וואס איז געווען ביי אלישע מיט די אשה הצרפתית וואס שטייט (מלכים א יז יד) וְצַפַּחַת הַשֶּׁמֶן לֹא תֶחְסָר, און ביי אשת עובדיה וואס שטייט אז אלישע הנביא האט איר געזאגט וַיֹּאמֶר לְכִי שַׁאֲלִי לָךְ כֵּלִים מִן הַחוּץ וגו' כֵּלִים רֵקִים אַל תַּמְעִיטִי (מלכים ב פרק ד). דער הייליגער חיד"א אין ספר דברים אחדים (סוף דרוש ל"ב שבת חנוכה) ברענגט פון ספר ברכת שמואל קאיידינאב וואס ברענגט דער שפתי כהן, און דער ברכת שמואל לייגט צו וז"ל ופשוט בעיני שגם אותו הפך נתגלה לבני חשמונאי שהיה חתום בחותמו של כהן גדול הוא אהרן הכהן דכתיב זה לי לדורותכם לעה"ב ובו הדליקו ח' ימים לצרכם לרמוז שנתקן מדה ח' שהוא הוד והמותר נגנז לעוה"ב, אז די פך השמן ביי נס חנוכה איז געווען די זעלבע פך פון יעקב אבינו. דער חיד"א שרייבט אז דאס איז מרפסין איגרא, אבער ער האט נישט געפונען פון וואו דער שפתי כהן האט גענומען זיין חידוש, [און בפרט וואס ער זאגט אז מען האט געזאלבט די כלי המקדש וכליו מיט דעם פך, פרעגט ער אז עס איז א אפענע גמ' (שבועות דף טו ע"א) כל הכלים שעשה משה משיחתן מקדשתן מכאן ואילך עבודתן מחנכתן און אזוי פסקענט דער רמב"ם (פ"א הל' כלי המקדש הי"ב) קומט אויס אז די כלי המקדש האט מען נישט געדארפט זאלבן, ונראה שהוא טעות סופר. אבער לענ"ד אין ספר שפתי כהן שטייט נישט כלי המקדש נאר המשכן וכליו, און דאס האט מען יא געדארפט זאלבן, נאר די קשיא איז אויפן ברכת שמואל וואס האט נישט מעתיק געווען ריכטיג המו"ל.] עיי"ש אריכות דברים בהענין ווי האט אלישע געמעגט באנוצן מיט די שמן המשחה וואס איז געווען מעשה נסים? נאר עס איז באקאנט אז אויב א פלאש פילט זיך אן נאכאמאל איז דאס נישט בגדר מעשה נסים, ווייל עס איז נאך געווען דארטן און יעצט האט זיך דאס פארמערט, אויב אזוי קען מען מחדש זיין וואס מען פרעגט אויפן תירוץ פון ב"י אז דער נס חנוכה איז געווען וואס די פלאש האט זיך נאכאמאל אנגעפילט, איז דאס שווער אז די ערשטע נאכט איז דאך נישט געווען א נס? נאר מען מוז זאגן אז כדי עס זאל זיין שמן זית זך האט דאך געמוזט איבערבלייבן אין פך כדי עס זאל זיך קענען אנפילן, ממילא איז דאס געווען א נס אז מען האט נישט אויסגענוצט די ערשטע נאכט די שמן און פון דאס וואס איז איבערגעבליבן האט זיך אנגעפילט נאכאמאל. (שמח זבולון תשפ"א)

**ביאור נחמד אויף די ויכוח יעקב און עשו דא**

כִּי עַל כֵּן רָאִיתִי פָנֶיךָ כִּרְאֹת פְּנֵי אֱלֹהִים וַתִּרְצֵנִי: (לג י) יעקב האט געוואלט מפייס זיין עשו אויף דעם וואס ער האט באקומען די ברכות, יעצט עס זענען דא דריי טעמים פארוואס איז יצחק געווארן בלינד, שטייט אין מדרש (ב"ר ס"ה ח) כדי יעקב זאל נעמען די ברכות, ממילא איז דאס געווען פון אויבערשטן, ממילא קען עשו נישט האבן א טענה אויפן רבש"ע, אבער עס זענען דא נאך צוויי טעמים אין מדרש: אדער ווייל הֵצִיץ בִּשְׁכִינָה, יצחק האט געזען דעם אויבערשטן ביי די עֲקֵדָה איז ער בלינד געווארן, אדער ווייל ער האט געקוקט אויף עשו הרשע, און אסור להסתכל בפני אדם רשע, ממילא לויט די צוויי טעמים האט נאך עשו א טענה אויף די ברכות! נאר אין זוה"ק אויפן פסוק ג' וַיִּשְׁתַּחוּ אַרְצָה שֶׁבַע פְּעָמִים (ח"א דף קע"א:) פרעגט ווי אזוי האט יעקב געמעגט

בוקן צו א רשע? און ענטפערט אז די שכינה איז געקומען פאר אים און ער האט געבוקט זיך צו די שכינה הק׳, קומט אויס אז יעקב האט געזען א רשע און אויך די שכינה און איז נישט בלינד געווארן! דאס האט יעקב געזאגט כִּי עַל כֵּן רָאִיתִי פָנֶיךָ, איך האב געזען א רשע, און ווי אזוי האב איך געמעגט בוקן צו א רשע, ווייל כִּרְאֹת פְּנֵי אֱלֹהִים איך האב געזען די שכינה, קומט אויס אז די סיבה פארוואס יצחק איז געווארן בלינד, איז נישט וועגן די צוויי טעמים פון הסתכלות ברשע, און הציץ בשכינה, ווייל הראי׳ איך בין נישט געווארן בלינד וועגן דעם, מוז דאך זיין יצחק איז בלינד געווארן נאר וועגן איך זאל נעמען די ברכות, ווייל אזוי האט דער אויבערשטער געוואלט, און עשו איז געווארן בארוהיגט. והפלא הוא! (ספר בְּדֶרֶךְ אֲלַשׁוּךְ להגאון ר׳ אברהם ב״ר ברוך אב״ד בַּאר וזאמושץ דיהרנפורט תפ״ז)

## מדור העובדות

### ***** דער צעטיל האט געוויזן ווען משיח וועט קומען *****

דער הייליגער צדיק ר׳ יהודה צבי פון סטרעטין דער דגל מחנה יהודה און זיין זון זענען געפארן קיין באסעראביע און א אלטער איד האט זיי דערציילט אז ער פלעגט פארן מיט זיין חבר קיין מאסקאווע רוסלאנד איינמאל א יאר אויף די גרויסע יריד, אזוי זענען זיי געפארן עטליכע מאל, איין מאל איז געווארן א רעש אין שטאט א גרויסע ארמיי וויל דורכפארן מאסקאווע, און מען האט געמיינט אז עס מיינט מלחמה, און מען האט געהייסן אלע זיך באהאלטן, נאך וואס די גענעראלן האבן זיך באשטעטיגט מיטן ארמיי אז זיי ווילן נאר דורך פארן און זענען פריינדלאך האט מען זיי אריינגעלאזט, און די ארמיי האט געשפילט שיינע ניגונים און פריילאך מארשירט אריין אין שטאט.

די סאלדאטן זענען געווען גיבורים און זיי זענען געווען הויך און האבן געווארפן א שרעק אויף יעדן, ווייל מען האט געזען אז זיי האבן כח צו איינעמען די שטאט זייער גרינג, און די ארמיי האבן פארלאנגט צו איבערנעכטיגן יענע נאכט אין שטאט ווייל זיי זענען געווען מיד פון די לאנגע וועג, און מען האט זיי צוטיילט אין די קרעטשמעס פון שטאט. עטליכע סאלדאטן האט מען אריינגעלייגט אין די צימער פון די צוויי אידישע סוחרים, וואס האבן ממש געציטערט פון די סאלדאטן פון פחד ווייל אפשר וועלן זיי זעהן אז זיי זענען אידן! אבער ווי ערשטוינט זענען זיי געווען ווען זיי זעהן ווי די סאלדאטן זענען געגאנגען ציצית און האבן געדאווענט, און די סוחרים זענען געווארן בארוהיגט אבער זיי האבן זיך נישט ווייסנדיג געמאכט פון זיי.

אינדערפרי האט מען צוזאמען גערופן די סאלדאטן און געשפילט שיינע ניגונים און די ארמיי האט ארויס מארשירט פון שטאט. די צווייטע נאכט האט די זעלבע ארמיי צוריק געקומען אין שטאט און געבעטן אז זיי ווילן איבערנעכטיגן אין שטאט אבער דאס מאל זענען די סאלדאטן נישט געווען פריילאך ווי די ערשטע סאלדאטן און האבן נישט געשפילט ניגונים. מען האט זיי ווייטער איינגעארדענט אין די קרעטשמעס פון שטאט, און ווייטער געגעבן עטליכע סאלדאטן צו זיין אין די צימער פון די צוויי אידישע סוחרים, און ווען זיי האבן ווייטער געזען אז די סאלדאטן גייען ציצית און דאווענען, האבן די סוחרים מיט געדאווענט מיט זיי און זיך געפריידט אז זיי זענען אידן.

נאכן דאווענען האט מען זיך געגריסט, און די סאלדאטן האבן געפרעגט פון וואו זיי זענען? און די סוחרים האבן געפרעגט די סיבה פארוואס די ערשטע נאכט זענען די סאלדאטן געווען זייער פריילאך, און היינט זענען זיי געווען שטיל און גאר צובראכן? האבן זיי געענטפערט אז מיר זענען פון די בני משה וואס וועט איינעמען ארץ ישראל פאר משיח וועט קומען און היות אז אין הימל האט מען געזאגט אז יעצט איז די ריכטיגע צייט וואס מען דארף גיין קיין ארץ ישראל און דאס איינעמען און אזוי וועט משיח גלייך קומען! און מיר זענען גרייט יעדן טאג צו גיין צו מלחמה! אבער שפעטער אין טאג האט מען אויסגערופן פון הימל אז היות ווי אסאך אידן האבן געזינדיגט האט דאס געוואויגן די וואגשאל אויף חייב, און מען האט אפגעשטופט אונזער מלחמה, דעריבער זענען מיר זייער צובראכן!

די אידישע סוחרים זענען געווארן באגייסטערט און געפילט אז מען דארף מפרסם זיין אזא זאך אז אידן זאלן וויסן אז זיי האבן א גרויסער אחריות אויב זיי זינדיגן חלילה, דעריבער האבן זיי געבעטן אז די סאלדאטן זאל זיי עפעס געבן א אויף ווייז אז מען זאל זיי געטרויען! האבן זיי ארויסגענומען א צעטל און דאס געגעבן און געזאגט אז ביי קידוש לבנה זאלן זיי קוקן אין דעם צעטל וועלן זיי זעהן וואס האט פאסירט מיט זיי און וואס וועט פאסירן!

די אידן האבן זיך געזעגנט און זיי זענען אוועק געפארן, זיי האבן מחליט געווען אז זיי וועלן זיין אויף שבת אין נישכיז ביי הרה״צ ר׳ מרדכי זצוק״ל און מוצאי שבת וועט זיין קידוש לבנה און אזוי וועלן זיי אויפווייזן פארן שטאטסלייט וואס זיי האבן געהערט פון די בני משה! זיי האבן דערציילט וואס זיי האבן אליין געזען און די שמועה איז ארוים אז ביי קידוש לבנה וועט מען זען פלאות אין א צעטל פון די בני משה. ביי קידוש לבנה האט זיך צאמגעשטעלט הונדערטער אידן פון שטאט וועלן זען די וואונדער, און ווייל עס איז געווען א גרויסער עולם האט מען געלאזט קוקן אויף א קורצע ווײלע און אלע מענטשן האבן געזען אז דער צעטל ווייסט דעם אמת, ביז אבער די שמועה איז אנגערקומען צום רבין פון נישכיז וואס איז שנעל אהין געגאנגען און געבעטן ער וויל זען דעם צעטל און דער צדיק קוקט א לענגערע צייט און פארברענט דעם צעטל!

די אידישע סוחרים זענען געווען שטארק צובראכן פארוואס דער רבי האט דאס געטאן! האט דער רבי זיך אנגערופן, דאס האט געוויזן אז איר זאגט אמת, און וואס די בני משה האבן געזאגט איז אויך אמת, נאר איך האב געליינט טיפער אין צעטיל און דארט איז געשטאנען ווען די גאולה וועט זיין, און דאס טאר מען נישט מגלה זיין, דעריבער האב איך דאס געמוזט פארברענען, און די סוחרים האבן פארשטאנען, זיע״א

***הוצא לאור ע״י ״עולם הספרים״ מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן- א שיינע מתנה*** א רשימה פון אונזערע ספרים און בריוון איז דא

סידור ישועות ישראל וואס ר׳ יענקעלע האט געדאווענט אין דעם און גוט אויסענוצט $5000 תפילין כשרים פרשיות ר׳ משה פשעווארסק און אויך ר׳ אפרים סופר של הבעש״ט פרטים רק לרצינים נ״ך ג׳ חלקים הראשונים דפוס סלאוויטא ר׳ שמואל אבא $1000, ספר פרקי דרבי אליעזר עם כמה חתימות הרה״ק ר׳ חיים שלמה מקאסאן $2000 ספר ספיח קציר בארדיטשוב תרס״ב עם הסכמת השטעפענישט הרה״ק ר׳ אברהם מתחיהו בהרה״ק ר׳ מרדכי שרגא, ברענגט חסידישע תורות פון צדיקים זייער נדיר $700, גמרות דפוס סלאוויטא ביצה, סוכה זבחים מנחות בכורות וכו $3500 ספר אמרי אלימלך עם הסכמת הסאדיגורא והמגיד מטריסק מצב מפואר $800 זיטאמיר ש״ס $6000, סעט חומשים עם אור החיים זיטאמיר, $7500 סידור אור לישרים זיטאמיר $18000, 2 בריוו פון אמרי חיים וויזניץ צו ראטעווען אידן פון רומעניא, כתב יד פון הרה״ק ר׳ גרשון מקיטוב שוואגער פון היילגן בעש״ט $25000, 2 פסקים כת״י און חתימות פון הגאון ר׳ עקיבא איגר, $50000, תהלים בן ביתי דפוס ראשון שייך להרה״צ ר׳ יהודה צבי אייכנשטיין נכד הרה״ק ר׳ אשר ישעי׳ וחתן הרה״ק ר׳ ישראל צבי מקאסאן הי״ד $2500, ספר חסידים באזיל שמ״א $2000, ספר יד שאול על הל׳ שבועות דפו״ר עם הגהות הגאון ר׳ גרשון ליטש סג״ל רוזנבוים בעל משיב דברים $2000, אסאך ספרים פון דער משפחה ביי אונז, סעט עצי חיים מצב מפואר $800 אוהב ישראל אפטא דפו״ר $2800 שו״ת מים חיים געדרוקט אין זיטאמיר, ספר דברי יהושע מאניסטריטש דפוס ראשון בארדיטשוב.. בריוו פון מרחשת, דברי מלכיאל הגאון ר׳ אליעזר ראבינוביץ דער מינסקער גדול, מהגאון מראגאטשוב, מהרה״ק מהוסיאטין, מהרה״ק ר׳ יחזקאל מאוסטראוואצא, מהגאון מקאוונא, מהגאון ר׳ שך, מהגאון ר׳ הענקין, קוויטל שכתב החזון איש על אחורי מכתב שנשלחו לו, ספר אדמת קודש וואס האט באלאנגט צו הגאון ר׳ אברהם פאם, 4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ T 718 - 438 - 8414 ~ F 718 - 633 - 5500 Store Hours are 11:30 -7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday *WWW.SEFORIMWORLD.COM*

*מיר פארקויפן זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און פאר פדיון נפש אויך ספרים און געלט פון די לאגערס*